YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv20i01

# GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 20 Issue 1
January 1938

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

## Gerechtigkeit (Vol. 20, Iss. 1)

### Keywords
International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

### Comments
*Justice* was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/653

GERECHTIGKEIT (*Justice*)

# גערעכטיגקייט

**Vol. XX. No. 1.** **Jersey City, N. J., January, 1938** **Price: 10 Cents**

## ער האט ניט וואו א פוס אוועקצושטעלן




### צום נייעם יאר

ווידער אמאל ווינשען מיר א גוט, גליקליך יאר און מיר וואלטען זעהר וועלען, אז אונזער וואונש זאל דאס מאל מקוים ווערען, ווייל נאך אזא שלעכטען יאר ווי עס איז געווען 1937 מוז מען האבען א בעסערען.

און מען גיט אונז האפנונגען, אז דאס נייע יאר וועט זיין א בעסערעס. מען זאגט אונז, אז שוין ערב דעם נייעם יאר האט אנגעפאנגען ווערען בעסער. ביז צום מיטען דעצעמבער איז עס געגאנגען אלץ מער און מער אראפ. עס איז געווארען אלץ ווייניגער ארבייט אין די פאבריקען און האנדעל און געשעפט זיינען אלץ מער געפאלען. די ציפער אבער פאר'ן צווייטען העלפט פון דעצעמבער האבען אנגעפאנגען ווערען פרעהליכערע, עס האט אנגעפאנגען געהן ארויף. און אט אויף דעם זיינען באגרינדעט די האפנונגען, אז דאס נייע יאר וועט זיין א בעסערעס. נו, זאלען מיר עס גלויבען און האפען. לאמיר דערווארטען, אז עס וועט זיין א יאר פון ארבייט און פון גוטע פארדינסטען, און לאמיר דערביי ווינשען, אז די גוטע האפנונגען זאלען פארווירקליכט ווערען.

און אז מיר האלטען שוין ביים ווינשען לאמיר שוין אויך ווינשען, אז דעם גוטען אנפאנג, וואס די ארבייטער האבען געמאכט אויפ'ן פאליטישען פעלד זאל פארטגעזעצט ווערען ווייטער מיט נאך א גרעסערען ערפאלג. די ארבייטער פארשטעהען איצט קלערער ווי ענג דער עקאנאמישער קאמף איז פארבונדען מיט'ן פאליטישען און אז זיי מוזען דעריבער אנפירען א זעלבסטשטענדיגען פאליטישען קאמף צו פארבעסערען זייער עקאנאמישע לאגע.

⁂

### דער מיטינג פון דער ג. ע. ב. פון דער אינטערנעשאנעל אין באסטאן

דער מיטינג פון דער גענעראל עקזעקוטיווע פון דער אינטערנעשאנעל, וואס איז אפגעהאלטען געווארען אין באסטאן, האט אונז געבראכט די פרעהליכע בשורה, אז ניט קוקנדיג אויף דעם, וואס די עקאנאמישע לאגע אין לאנד איז א געדריקטע און אין דער פרויען באקליידונג אינדוסטריע עקזיסטירט א גרויסע ארבייטסלאזיגקייט, איז דאך די מיטגלידערשאפט פון דער אינטערנעשאנעל אין דעם לעצטען האלב יאר פון נאך דער קאנווענשאן אין אטלאנטיק סיטי באדייטענד געוואקסען. דאס באווייזט ניט בלויז, אז דער ארגאניזאציאנס אפאראט פון דער אינטערנעשאנעל האט גאנץ ענערגיש געארבייט, נאר עס באווייזט אויך וואס פאר א גוטען נאמען און וואס פאר א גרויסען צוטרוי די אינטערנעשאנעל האט געוואונען אין לאנד, אז זי איז פעהיג אפילו אין דער איצטיגער געדריקטער צייט צוצוקריגען נייע מיטגלידער אין די טויזענטער. דער צוואוקס אין דעם לעצטען האלב יאר באטרעפט נעמליך צעהן טויזענד.

און ניט ווייניגער דערפרעהענד איז געווען דער פינאנץ-באריכט פון דער יוניאן, וואס האט ארויסגערופען אזוי פיל אויפזעהן, ווען ער איז פארעפענטליכט געווארען אין דער אלגעמיינער פרעסע. דער באריכט האט געוויזען וואס פאר א גרויסע, ברייטע, פארשידענארטיגע טעטיגקייט די אינטערנעשאנעל פירט אן, אז איר בודזשעט איז גרעסער, ווי ביי מאנכע פון די קליינע מלוכות, אבער ער איז דערביי אויך א באלאנסירטער. ריכטיגער, ער איז פיל מער ווי באלאנסירט. ער האט נאך א סורפלוס פון נאהענט צו א מיליאן דאלער. און עס איז גראד געווען א יאר פון גרויסע הוצאות. די אינטערנעשאנעל האט אנגעפירט א גרויסען און פיל פארצווייגטען ארגאניזאציאנס קאמפיין אין פארשידענע טיילען פון לאנד און אין מערערע ערטער איז דער קאמף געווען א גאנץ שווערער און ממילא א קאסטבארער.

אבער די פירערשאפט פון דער אינטערנעשאנעל, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס זי האט זיך געדארפט פילען שטארק געהויבען פון די גרויסע ערפאלגען פון דער יוניאן אפילו אין דער איצטיגער שווערער צייט, האט זי אבער דאך ניט אוועקגעלייגט זיך רוהען אויף די לאר-בער-קראנצען פון איר זיג. נאר זי האט געפילט, אז אין דער איצטיגער צייט שטעהט פאר איר די גאנץ שווערע ארבייט צו באפעסטיגען די איינגענומענע פאזיציעס פון דער יוניאן און מאכען אלע אנשטרענגונגען זיי אפצוהיטען.

די גענעראל עקזעקוטיווע האט דעריבער אויף איר

